ЦЕНТРАЛЬНЫЙ
АДМИНИСТРАТИВНЫЙ ОКРУГ
ТОВАРИЩЕСТВО С ОГРАНИЧЕННОЙ
ОТВЕТСТВЕННОСТЬЮ
продюсерская фирма
НЭШОМЭ
103050 МОСКВА ТВЕРСКАЯ УЛ 29
СТР. 1 КВ. 6
М

לעװקאָװיטש יוסעף בען אַװראָם
דער קינסטלערישער אָנפֿירער
פֿון דער „פֿרײַער ײדישער בינע „סאָכקאָן"
אַדרעס:
Россия, 103050, Москва, ул. Тверская 29,
стр. 1, кв. 6, тел. /0-95/ 299-54-85.

## אינפֿאָרמאַציע-צעטל

באַ הײַנטיקן טאָג אין רוסלאַנד, ניט קוקנדיק אױף א שטורעמדיקן אױפֿשטײַג פֿון נאַציאָנאַלן זעלבסטבאַװוסטזײַן צװישן די ײדן, איז אױף אין אױסערגעװײנלעך נידעריקן ניװאָ געפֿינט זיך זײער מאַטעריעלע און גײַסטלעכע קולטור בכלאַל און די טעאַטראַלע - ביפֿראַט. און אױב פֿריער האָט דאָס דאָזיקע רוסלאַנד געגעבן דער װעלט אומיבערשטײַגלעכע אַדהאַיאָם מײַסטערן פֿון טעאַטראַלער קונסט און אַזעלכע גרױסע נעמען, װי גראַנאָװסקי, ראַפּאַלסקי, מיכאָעלס, זוסקין, גאָלדבלאַט, שאַגאַל, טישלער, פֿאַלק, ראַבינאָװיטש און א סאַך אַנדערע, איז איצט די עטלעכע געצײלטע טעאַטערס, װעלכע קױמערסט עקזיסטירן, זײַנען פֿאַרװאַנדלט געװאָרן אין א ניט קײן רוסיש- און ניט קײן ײדיש, נאָר אין א מין שװערבאַגרײַפֿיקן פּאַרטאַטע-טעאַטער, װאָס ספּעקולירט אױף דער פּסעװדאָ-ײדישער טעמע. און גאַנץ אָפֿט קײַקלט ער זיך אַראָפּ פֿאָשעט אױפֿן ניװאָ פֿון א פֿאַרביסטעם, קלײנבירגערלעכן אָדער גלאַט און אַנטיסעמיטישן אַנעקדאָט.

דעריבער האָבן מיר, - א גרופּע פֿון פּראָפֿעסיאָנעלע ײדישע שױשפּילער, װאָס האָבן אָפּגעגעבן א סאַך יאָרן פֿון זײער לעבן און געזונט דער װידערשטעלונג פֿונעם ײדישן נאַציאָנאַלן טעאַטער נאָך זײַן גאַזלאָנישער פֿאַרניכטונג אין 1949-טן יאָר און בעטלערישן עקזיסטענץ נאָך דעם פּראַװ װידערשטעלן אים אין 1962-טן יאָר, - באַשלאָסן שאַפֿן אן אײגענעם, אומאָפּהענגיקן און קײן שום מעלוכישער סטרוקטור ניט אונטערגעאָרדנטן ײדישן טעאַטער אונטערן נאָמען „פֿרײַע ײדישע בינע „סאָכקאָן". מיר װילן, נאָכפֿאָלגנדיק די בעסטע טראַדיציעס פֿונעם אַלטן טעאַטער אין רוסלאַנד און אױסניצנדיק די גאַנצע פֿילטױזנטיאָריקע גײַסטלעכע ירושה פֿון דער ײדישער קולטור, װידערשטעלן צום לעבן און װײַטער אַנטװיקלען אױף דעם ניװאָ פֿון די בעסטע מוסטערן פֿון דעם װעלט-טעאַטער די לעבעדיקע ײדישע קולטור און מאַכן זי פֿאַר א פֿאַרמעג פֿון דעם רוסישן און װעלטלעכן ײדנטום.

אָבער מאַכמעס דעם, װאָס אונדזער טעאַטער פֿאַרפֿאָלגט בעסמעס אן עכט-קולטורטרעגערישן צװעק און זײַן טעטיקײַט טראָגט אן אומקאָמערציעלן כאַראַקטער, איז צוליב זײַן שטיצע אָרגאַניזירט געװאָרן א פּראָדיוסער-פֿירמע „נעשאָמע", װעלכע האָט רעכט פֿאַרנומען זיך מיט פֿאַרשײדנאַרטיקער קאָמערציעלער טעטיקײַט און האָט אן אָפֿענע רעכן-קאָנטע אין באַנק.

דער שטענדיקער באַשטאַנד פֿונעם טעאַטער אַנטהאַלט דערװײַל אײנגאַנצן פֿיר אַקטיאָרן. אין געגעבענעם פֿאַל איז דאָס שעפֿעריש צװעקמעסיק און עקאָנאָמיש גינסטיק װי פֿאַר דער אַרבעט איבערן ספּעקטאַקל, אַזױ גלײַך אױ צוליב די גאַסטראָלן אינדערהײם און אין אױסלאַנד. נאָר אין דער מאָס מיט דער אַנטװיקלונג פֿון זײַן טעטיקײַט, טעכנישער און מאַטעריעלער באַזע און אײַנשליסן אין רעפּערטואַר אַלץ נײַע װערק װעט אױפֿװאַקסן אױך די באַדערפֿעניש אין דער פֿאַרגרעסערונג פֿונעם אױספּילער-באַשטאַנד ביז די געװיסע גלײַכע גרענעצן. און צוליב דעם פֿאַרמאָגן מיר אױספּילער-רעזערװן, מאַכמעס א גאַנצע רײ שױשפּילער פֿונעם מאָסקװער ײדישן טעאַטער „שאַלאָם" און דעם בירהאַבידזשאַנער מוזיקאַלן ײדישן טעאַטער, װאָס באַזירט זיך אין מאָסקװע, װאָלטן געװאָלט אַריבערגײן אין אונדזער קאָלעקטיװ.

צוליב דעם ערשטן ספּעקטאַקל – אונדזער וויזיט־קאַרטל – האָבן מיר אויסגעקליבן די פֿאָרשטעלונג־פּרעזענטאַציע אונטער דעם טיטל „דער לעבעדיקער וואָרצל", וועלכע גיט די אָנונג וועגן אונדזערע עטישע און עסטעטישע פּרינציפּן, באַ וועלכע מיר וועלן זיך האַלטן אין אונדזער קומענדיקער טעטיקייט. די פֿאָרשטעלונג באַשטייט פֿון באַזונדערע סצענעס, מאָנאָלאָגן, לידער און דיכטונגען פֿונעם רעפּערטואַר פֿון געוועזענעם מאָסקווער ייִדישן טעאַטער, אין וועלכן מיר האָבן פֿריער געאַרבעט און וועלכער האָט דרײַ יאָר צוריק באַקומען דעם נאָמען „שאַלאָם". די פֿראַגמענטן זײַנען צונויפֿגעפֿלעכט מיט מאָנאָלאָגן, דיכטונגען און לידער, וואָס זײַנען אָנגעשריבן ספּעציעל צוליב דעם ספּעקטאַקל און געבן דעם באַגריף וועגן יענעם וועג, וואָס מיר זײַנען דורכגעגאַנגען פֿונעם טאָג פֿון אַלפֿקום פֿון אַ קליינינקן טעאַטראַלן קאָלעקטיוו אין 1962 און ביז הײַנטיקן טאָג.

אַלס אַ פּרינציפּ אין דער פֿאָרמירונג פֿון אונדזער גאַנצן רעפּערטואַר וועט זײַן די שאַפֿונג פֿון אַן אייגענער דראַמאַטורגיע, וואָס הייבט אָן די ייִדישע פּראָבלעמען פֿונעם סוף פֿונעם 20-טן יאָרהונדערט. דאָס וועלן זײַן ווי אָריגינעלע ווערק, אַזוי גלײַך אי די באַאַרבעטונגען פֿון ליטעראַרישע, קלאַסישע און רעליגיעזע טעקסטן, גלײַך ווי אויסניצן די ווערק פֿון דער וועלט־קלאַסיק אַף דער ייִדישער טעמע.

פֿאַר דעם נאָענטסטן רעפּערטואַר זײַנען אָנגעמערקט אַזעלכע ווערק:

1. „דער לעבעדיקער וואָרצל" – וועגן דער המשכדיקייט פֿון די טראַדיציעס פֿונעם פֿאַרניכטעטן אין 1949 ייִדישן טעאַטער און די אויסלייגונג פֿון די עטישע און עסטעטישע פּרינציפּן פֿונעם ווידערופֿגעלעבטן ייִדישן טעאַטער;

2. „מענאַכעם־מענדל" פֿון שאָלעם אַלייכעם – ייִדישע קלאַסיק וועגן דעם אייביקן טראַגיקאָמישן געראַנגל צווישן ייִדישער. פּראָזשעקטערײַ און ייִדישן פּראַקטיציזם;

3. „שטעטל אַף דעם אַעראָפּלאַן" פֿון ע. סעוועלאַ – אַ מאָנאָספּעקטאַקל אַף דער טעמע וועגן דער וויסטקײַט פֿון עקזיסטענץ פֿונעם מאָדערנעם „קליין מענטשעלע" („אַ פּינטעלע ייִד");

4. „שיר השירים" – אַ פּאָעטישער פּאַראַפֿראַז פֿון מ. טײַף און כ. בײַדער אַף דער טעמע פֿון דער ביבל וועגן באַזיגנדיקן קויעך פֿון דער ליבע אונעם יאָם פֿון פּײַן, וואָס איז אויסגעפֿאַלן אין דער געשיכטע אַף דעם גורל פֿונעם ייִדישן פֿאָלק;

5. „שאָשע" פֿון ב. זינגער – הײַנטצײַטיקע קלאַסיק וועגן דער ליבע־געשיכטע פֿון צוויי יונגע וואַרשעווער אין די באַדינגונגען פֿון דעם פֿאַרמילכאָמעדיקן פּוילן, צונויפֿגעקלעמט צווישן היטלעריזם און סטאַליניזם, וואָס גייען זיך צונויף ערעוו דעם טויט־געפֿערלעכן צוזאַמענשטויס;

6. „קאַדיש" – אַ דראַמאַטישער דענקמאָל פֿון די קאָרבאָנעס פֿון סטאַליניס גענאָציד אין 1948-1953;

7. „פּורים־שפּיל" – אַ מין ביבל־פֿאַרס וועגן די סאָציאַל־פּאָליטישע פּראָבלעמען פֿון אונדזער צײַט;

אונעם געביט פֿון דער אויפֿמערקזאַמקייט און דעם באַזונדיקן אונדזער טעאַטראַלן רעפּערטואַר געפֿינען זיך אַזעלכע ווערק, ווי:

1. „פּרינץ ראַובייני" פֿון ד. בערגעלסאָן;
2. „טויערן פֿון אונדזער יציאה" פֿון פּ. קאַנדעל;
3. „אַ וואָרט פֿאַר אַ וואָרט" פֿון פּ. קאַנדעל;
4. „דער פּוילישער ייִד" פֿון ק. גאַמסון;
5. „נאַטאַן דער קלוגער" פֿון ע. לעסינג;
6. „טעוויע דער מילכיקער" – אַ סצענאַרי פֿון ל. טראַוובערג לויט די דערציילונגען פֿון שאָלעם אַלייכעם;
7. „יוסעף און זײַנע ברידער" פֿון ט. מאַן;
8. „דער ייִד זיס" פֿון ל. פֿייכטוואַנגער;
9. „די מישפּאָכע אָפּענגיים" פֿון ל. פֿייכטוואַנגער;

10. „די ייִדענע פֿון טאָלעדאָ" („די שפּאַנישע באַלאַדע") פֿון ל. פֿייכטוואַנגער;
11. „שולאַמיס" פֿון א. קופּרין;
12. „דער קייסער שאָול" פֿון ק. גוצקאָוו.

אימקיין, זיינען די שעפֿערישע פּלענער און די מעגלעכקייטן פֿון אונדזער קאָלעקטיוו גאַנץ ראַזוועסדיק און פֿויק. און כאָטש מיר מאַכן אונדזערע ערשטע טריט, אַרום דעם טעאַטער האָט זיך צונויפֿגעקליבן אַן אינטערעסאַנטער שעפֿערישער קאָלעקטיוו: דראַמאַטורגן, קאָמפּאָזיטאָרן, רעזשיסערן און אויספֿירער. אָבער די מאַטעריעלע מעגלעכקייטן, - אויב נעמען אין אַכט די טעכנישע באַזע (דער רעפּעטיציע-לאָקאַל, די ליכט- און ראַדיאָ-אַפּאַראַטור) און די געלט-מיטלען אַלץ פֿראָדוצירן די דעקאָראַציעס, קאָסטיומען, דעם רעקוויזיט, די רעקלאַמע (שוין ניט גערעדט פֿון דעם אַרבעטסלוין), - זיינען גלייך צו אַ נול, ווייל מיר האָבן ניט דערווייל קיין פֿאַרינטערעסירטע אין אונדז ספּאָנסאָרס. נאָר זייענדיק קלאָר די דרינגענדיקע נויטווענדיקייט פֿונעם צושויער אין אונדזער שאַפֿונג, זיינען מיר פֿול מיט אָפּטימיזם און אַפֿילו אַלץ קיין איין רגע צווייפֿלען מיר ניט אין אונדזער מאָראַליש-קינסטלערישן פּאָטענציאַל און אינעם ענדגילטיקן דערפֿאָלג פֿון אונדזער אַרבעט.

קינסטלערישער אָנפֿירער פֿון דער „פֿרייער"
ייִדישער בינע „סאַכקאַן":

(י. לעווקאָוויטש)

# די הויצאָעס-סמעטע

## אין די אויפֿפֿירונג פֿונעם ספּעקטאַקל „דער לעבעדיקער וואָרצל" אין 3 כאָדאָשים.

| № | אינהאַלט | סומע |
|---|---|---|
| 1. | דער אַרבעטסלוין (אין דאָלאַרס).<br>אָפּרעכענונגען.<br>אינײנעם. | 3.625<br>1.415<br>5.040 |
| 2. | די אַרענדע פֿונעם לאָקאַל. | 1.670 |
| 3. | די טראַנספּאָרט-הויצאָעס. | 1.170 |
| 4. | דאָס קאָסטן פֿון דער רעקלאַמע. | 1.000 |
| 5. | די פֿילמירונג פֿון דער פּראָגראַמע. | 1.000 |
| 6. | די ווירטשאַפֿטלעכע הויצאָעס (שרײַב-מאַכשירים, פּאָטשט, טעלעגראַף, טעלעפֿאָן, קאָמאַנדי-רונג-הויצאָעס, רעפּרעזענטאַציע-הויצאָעס, קסעראָקאָפּירונג, צערעכענונג מיטן באַנק, אײַנקויפֿן פֿונעם ווירטשאַפֿטלעכן אינווענטאַר, ניט-פֿאָרויסגעזעענע און אַנדערע הויצאָעס). | 1.000 |
| 7. | די שטאָפֿלעכע הויצאָעס (בינע-קליידונג, מאַלבושים, שוכוואַרג, רעקוויזיט, גרים, עלעקט-ראָאַפּאַראַטור, לעמפּ אאַז"וו). | 3.270 |
| | סאַכאַקל: | 14.150 |

דער קינסטלערישער אָנפֿירער
פֿון פּ.י.ב. „סאַרקאַן":

(י. לעווקאָוויטש.)

דער הויפּט-בוכהאַלטער
פֿון פּ.פ. „נעשאָמע":

(ל. פּיוואָקאַוואַ)

ЦЕНТРАЛЬНЫЙ АДМИНИСТРАТИВНЫЙ ОКРУГ · ТОВАРИЩЕСТВО С ОГРАНИЧЕННОЙ ОТВЕТСТВЕННОСТЬЮ · МОСКВА · ПРОДЮСЕРСКАЯ НЭШОМЭ ФИРМА